# תורת אביגדור

משיעורי הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל




פרשת ואתחנן

# געדענקען דעם אויבערשטן שטענדיג

## די גרעסטע טאג אין די היסטאריע

**פון** צווישן אלע גרויסע ניסים וואס איז געשעהן צו די אידישע קינדער במשך די פערציג יאר וואס זיי האבן זיך אויפגעהאלטן אין די מדבר, איז געוויס געווען דער גרויסער טאג פון מתן תורה, וואס טראץ דעם וואס זיי האבן געהאט פארשידענע גרויסע און ספעציעלע טעג ווען זיי האבן זיך געפינען אין מדבר, איז אבער דאס הויפטזעכליך געווען די גרעסטע פון אלע פון זיי. די פרייליכע געשעהניש פון הערן די קול פונעם אויבערשטן אליינס, וואס רעדט צו אונז, און די אויסערגעווענליכע קלארע נאנטשאפט צום אויבערשטן, דאס איז עפעס וואס איז נאך קיינמאל בעפאר נישט געווען אין די היסטאריע, און דאס איז עפעס וואס מיר דערמאנען שטענדיג, 'והוא ישמיענו ברחמיו שנית', מיר האפן אזוי שטארק צו קענען הערן נאכאמאל די קול פונעם אויבערשטן וואס רעדט צו אונז, און אזוי וועט אריינגיין און אונזערע ביינער די קלארע וויסנשאפט פונעם אויבערשטן.

ווען מען רעדט פון מתן תורה, זאגט דער הייליגער רמב"ם, "גַדלהו על כל גדולה", מען זאל גרויס מאכן די טאג פון מתן תורה, די בילד פון מתן תורה, העכער און גרעסער פון סיי וועלכע אנדערע גרויסע זאך אדער געשעהניש אין די וועלטליכע היסטאריע, "מאך דאס גרעסער, מאך דאס העכער און בעסער פון סיי וואס עפעס אנדערש!". אבער מיר פארשטייען אלע אז דאס געשעהט נישט פון זיך אליין, מען מוז טראכטן פון מתן תורה אין יעדע צייט! און ווען איז מען שוין פארטיג? קיינמאל!

ווען מיר וועלן זיך אבער אומקוקן וועלן מיר זעהן, אז מיר טראכטן גאנץ קנאפ דערפון, און אפילו אום שבועות די יו"ט פון קבלת התורה, ווען די ערליכע אידן אין בעסטן פאל, לערנען די הלכות פון שבועות, און אין נישט בעסטן פאל, וועט מען אויסשמועסן וויאזוי צו מאכן בלינצעס און טשיז-קעיק, סיי וואס די שמועס איז, איז מען אבער פארנומען מיטן שבועות. אבער איבער די געדאנקען פון שבועות?! א בילד פון מתן תורה?! קיינמאל! און וויאזוי זאל מען דען קענען? מען טראכט דאך קיינמאל נישט דערפון! מען האט זיך נאך קיינמאל נישט אויסגע'משל'ט קיין בילד פון מתן תורה אין די

מחשבות! "גדלהו על כל גדולה", מאך דאס גרעסער אין דיינע געדאנקען, גרעסער פון אלעס וואס דו טראכסט אז עס איז גרויס!

## נעם דאס צום הארצן

**מיר** וועלן זיך פרעגן, וואס איז די ציהל פון געדענקען דעם גרויסן טאג פון מעמד הר סיני? דאס איז נישט קיין סוד, די פסוק זאגט דאס אונז, 'אתה הראת לדעת כי ה' הוא האלקים... וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלקים', דו ביסט איבערגעוויזן געווארן, ביים מעמד הר סיני, צו וויסן אז דער באשעפער ער איז דער ג-ט, און דו זאלסט דאס וויסן היינט, און זאלסט ווייטער דאס נעמען צו דיין הארץ, אז דער באשעפער ער איז דער ג-ט.

פאר מיר גייען ווייטער דארף מען איבער'חזר'ן, די ווארט 'לב' אין לשון הקודש, דאס מיינט נישט דוקא די 'הארץ', דאס מיינט די געדאנקען און די מחשבות, די מענטשנס טראכטונגען. פארוואס איז דאס אזוי? פארוואס זאגט די פסוק 'הארץ', און מען מיינט צו זאגן 'מחשבות'? די תירוץ אויף דעם איז, ווייל די שפראך פון די תורה איז נישט קיין פאלשע שפראך, ווען א מענטש טראכט אין זיינע געדאנקען, אבער ער איז נישט אמת'דיג אינטערעסירט דערין, זיין הארץ, זיינע געפילן, זענען נישט צוגעבינדן צו די זאך, נישט דאס איז דער מחשבה וואס דער איבערשטער וויל פון אונז, דער איבערשטער וויל אז מיר זאלן ווערן איבערגענומען פון די מחשבות, דאס מאכט דאס פאר א מחשבה, עס איז דורך די הארץ קלאפעניש, דורך די געפילן, דאס ווייזט אויב מען איז אמת'דיגע אינטערעסירט אין די זאך, אויב די הארץ איז אין די זאך, עס ווערט איבערגענומען, דאס ווייזט וואס מען איז אמת'דיג, די מחשבות זענען אמת'דיג דארט.

## באשטומען צייט פאר די געדאנקען

**מיר** קוקן אריין אינעם פסוק, 'והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלקים', דער איבערשטער באפעלט אונז צו אריינגעמען טיף אין די געדאנקען, אל לבבך, צו לעבן מיט די געדאנקען און געפילן, אז 'עס איז נישט דא קיין אנדערער איסער דעם איבערשטן', דער איבערשטער באפעלט אונז צו זיין אזוי צוגעבינדן צו אים, מיט אונזערע מחשבות און מיט אונזערע הערצער, אז ער זאל זיין דער איינציגסטער פון וועמען מיר וועלן טראכטן. והשבות אל לבבך, מען דארף דאס אריינלייגן אין די הערצער, און דאס געשעהט נישט פון איינמאל, און נישט פון צוויי אדער דריי מאל, נאר דורכן איבערטראכטן שטענדיג, אין אלע צייטן, אזוי ווי מען קען זעהן פון די ווארט 'והשבות', 'צוריקקערן', די פאקט אז מען האט דאס שוין אמאל געהערט, מען ווייסט דאס שוין, דאס מיינט גארנישט. דו ווייסט גארנישט! די פארנעפלטע וויסנשאפט וואס דו האסט שוין איינגעהאנדלט, וואס דיין רבי האט געזאגט אין חדר, דאס איז נישט גענוג, דאס דארף א שטענדיגע דערמאנונג, און א שטענדיגע פרישקייט.

און דאס מיינט, אז מען דארף באשטימען א צייט אריינצונעמען אין קאפ, אז "ה' הוא האלקים", מען דארף צו טראכטן פונעם איבערשטן און באשטימען ספעציעלע מחשבות אויף די זאך, ביז דאס וועט זיין די צילפונקט פון אלע מחשבות. והשבות אל לבבך כי השם הוא האלקים - דיינע געדאנקען 'אדורך און אדורך' דארף צו ווערן

געדאנקען פונעם אויבערשטן, איבערגעפילט מיטן וויסנשאפט אז דער אויבערשטער איז איינס, אז ער איז אלעס אין אונזער לעבן, און אז גארנישט עפעס אנדערש איז וויכטיג, גארנישט אויסער דער אויבערשטער.

## טראכטן פונעם אויבערשטן ביים דאווענען

**ווילאנג** דער מענטש איז אויף דער וועלט, דארף ער אלץ זיין פארנומען צו פארמערן מחשבות פונעם אויבערשטן צווישן זיינע געדאנקען. נישט נאר ווען מען דאווענט, זיכער, אפילו דאס איז אויך זייער א גרויסע דערגרייכונג, מערסטנס מענטשן טראכטן נישט פונעם אויבערשטן אפילו ווען זיי דאווענען, עס טוט לייד דאס צו זאגן. אבער עס איז אוממעגליך! ווען מען דאווענט, טראכט מען נישט פון גארנישט, אפילו נישט פון די באדייט פון די ווערטער, נאר פונעם אויבערשטן. אבער וואס מיר זאגן יעצט, איז אסאך מער פון בלויז די דאווענען, מען דארף האבן דעם אויבערשטן אין די געדאנקען די מערסטע וואס מעגליך! והשבות אל לבבך!

עס איז דא זייער אסאך בילדער וואס מען דארף אויספארעמען אינעם געדאנק, מען דארף זיי ארויפברענגען און אויסארבעטן, מען דארף לעבן מיט די מחשבות. פארשטייט זיך אז מען דארף וויסן וואס צו טראכטן איבער דעם אויבערשטן, אויב מען האט נישט די מאדעלן, אויב מען הערט נישט פון א גוטן רבי'ן, אויב מען לערנט נישט די ריכטיגע ספרים, דאן האט מען נישט אפילו די קערנדלעך מיט וואס צו ארבעטן, עס זאלן ארויסוואקסן די ריכטיגע מחשבות, דאן איז די מוח א ליידיגע פעלד, עס איז נישט דא דארט וואס צו באוואסערן. מען דארף האבן די דוגמאות און מאדעלן צו וויסן אויף וואסערע ליניעס צו טראכטן.

## שטעלן דעם אויבערשטן פאר זיך

**וואס** טראכט איר, מיינט די פסוק מיט די ווערטער, 'השם הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת', דער באשעפער ער איז דער ג-ט, אויבן אין די הימלען און אינטן אויף די ערד? בלויז צו טראכטן פון דעם אויבערשטן אויף א פארנעפלטע איבערפלעכליכע וועג?! בלויז טראכטן פון זיין נאמען?! איינער האט מיר געזאגט אז ער האלט שטענדיג דעם אויבערשטנס נאמען אין זיינע געדאנקען, ער האלט פאר זיינע אויגן די אותיות פונעם אויבערשטנס נאמען. ניין, נישט דאס מיינט מען! טראכטן יוד, קה, ואו, קה, איז גארנישט! מען דארף טראכטן פון הקדוש ברוך הוא, אין יעדע צייט.

מענטשן פרעגן, "איז דאס דען מעגליך, אז א מענטש זאל 'אייביג' טראכטן פונעם אויבערשטן?", מיר זענען דאך נארמאלע מענטשן, א נארמאלע מענטש האט דאך אסאך געדאנקען און מחשבות אין זיין מח, וויאזוי קענען מיר זאגן, אז א מענטש דארף באשטומען זיינע אלע מחשבות בלויז פאר איין געדאנק, צו טראכטן פונעם אויבערשטן?!

די תירוץ אויף דעם איז, אז וויבאלד א מענטש ווערט פארנומען מיט די מחשבות פונעם אויבערשטן, ער פירט אויס דעם פסוק, והשבות אל לבבך, ער געבט אויס די מערסטע צייט וואס איז מעגליך צו טראכטן פונעם אויבערשטן, דאן ווערט ער צוגעוואוינט צו

א נייע וועג פון טראכטן איבער די וועלט, ער הייבט אין צו זעהן די וועלט לויט די איבערשטענס געדאנקען, און אויטאמאטיש האלט ער די מחשבות אין געדאנק, פון זיך אליינס אונטערן באוואוסטזיין.

## שויתי געלט לנגדי תמיד

**איך** וועל געבן א משל דערויף, לאמיר זאגן עס איז דא א מענטש וואס ווייסט אז עס איז גוט און וויכטיג צו האבן א פינאנציעלע פארזיכערונג, אמאל האט ער דאס נישט געוואוסט, אבער צוביסלעך איז ער אויפגעוואקסן, ער האט געליינט אפאר ביכער איבער דעם, ער האט זיך געלערנט פונעם לעבן, און יעצט פארשטייט ער דאס שוין. ער פארשטייט די גוטסקייט פון האבן געלט אין באנק, האבן אינשורענס, זיך אנגרייטן א פענסיע פלאן. און איינמאל וואס דאס גייט אריין אין זיינע געדאנקען, אז עס איז גוט און וויכטיג צו זיין אויפגעבויעט און פארזיכערט פינאנציעל, ווייבאלד ער איז 'משיב אל לבבו' די וויכטיגקייט דערפון, וועט ער שוין קיינמאל נישט פארלירן די בליק פון די אמת'דיגע פאקט, עס בלייבט אייביג אין זיינע געדאנקען, נישט קיין חילוק וואס ער וויל טוהן, זוכן א נייע פרנסה, אויספלאנירן א וואקאציע, קויפן א נייע וואש מאשין, אפילו נאר אדורכשפאצירן די גאס, די געדאנקען פון זיין פארזיכערט מיט זיין געלט בלייבט אייביג אין די מח, און די געלט פארזיכערונג וועט אים ברענגען צו טוהן פרישע זאכן וואס וועט אים פארזיכערן מיט געלט.

און דאס איז אונזער ארבעט אויף די וועלט, צו מאכן אז די מחשבות און די געדאנקען איבער דעם איבערשטן - און אלע תורה'דיגע בליקן אויף די זאכן פון די וועלט, זאלן אונז אזוי איבערנעמען אונזער וועזן, ביז ווען יעדע פרישע טריט מיר וועלן ווילן טוהן, זאל דאס זיין מיטן איבערשטן אויפן געדאנק.

## די ערשטע געדאנק אין די תורה

**די** ערשטע געדאנק וואס דער איבערשטער זאגט אונז, בראשית ברא אלקים, - דער איבערשטער האט געמאכט די וועלט, אלעס. אין אנהויב, פארדעם, איז גארנישט געווען, קיין שום קעגנשטאנד, עס איז נישט געווען קיין כעמיקאלן, נישט קיין ענערגיע, נישט קיין ספעים. עס איז געווען 'אָיִן', אינגאנצן גארנישט! און דאן, 'ויאמר אלקים יהי', פון די ווארט 'יהי' איז באשאפן געווארן די ליכטיגקייט, און די וועלט איז באשאפן געווארן, עס האט זיך אנגעהויבן א גאנצע וועלט.

און אויב מיר ווילן זיך צוגעוואוינען צו אט די ערשטע געדאנק וואס די תורה לערנט אונז, אויב מיר ווילן באשטימען אונזערע געדאנקען צו טראכטן וואס די תורה לערנט אונז דערמיט, דאן וועט אונזער לעבן ווערן אינגאנצן פארענדערט. וואו מיר ווילן קוקן, ווילן מיר גארנישט זעהן, בלויז דעם איבערשטן, 'מלא כל הארץ כבודו', די כבוד פונעם איבערשטן פילט אן די גאנצע וועלט, דאס איז נישט בלויז עפעס א באהאלטענע שיין און לעכטיגקייט, עפעס וואס מיר זעהען נישט, נאר דאס איז ווייל איבעראל וואו מיר קוקן זעהן מיר דעם איבערשטן, 'בדבר השם שמים נעשו, וברוח פיו כל צבאם', אלעס, די הימלען, די זון, די שטערנס, די ערד, און אלעס וואס איז דערין, דאס איז אלעס

גארנישט עפעס אנדערש ווי די ווארט פונעם אויבערשטן.

און ווען מען פלאנצט איין די תורה'דיגע געדאנקען צווישן די טעגליכע מחשבות, און מען באוואסערט זיי מיט א שטענדיגע אויפפרישונג, וועלן די מחשבות ווערן אנגעפילט מיט א אנדערע בליק אויף דער וועלט, דאס וועט שטענדיג הויך קלינגען אין קאפ, אסאך מער ווי די פינאנציעלע פארזיכערונג וואס מיר האבן גערעדט דערפון אין אונזער משל.

## עסן מן פאר דריי טויזענט יאר

**איך** וועל געבן נאך א משל. די מן! די תורה וויל אז מיר זאלן אייביג געדענקען די מן, מיר זאלן דאס קיינמאל נישט פארגעסן. די מן דארף זיין א באווייז פאר אלע דורות, אז דער אויבערשטער שפייזט די גאנצע מענטשהייט. דער אויבערשטער האט באפוילן די אידישע קינדער אוועקצולייגן א קריגל מיט מן און דאס אוועקלייגן למשמרת לדורותיכם, אז מען זאל דאס אייביג זעהן. די פסוק זאגט, "למען יראו את הלחם אשר האכלתי אתכם במדבר", ווייל אזוי וועלן מיר אייביג געדענקען אז דער אויבערשטער איז דער אמת'דיגער שפייזער פון די וועלט. דאס איז א שטענדיגע דערמאנונג, אז נישט די ברויט טוט אונז פיטערן, דאס איז דעם אויבערשטנס ווארט וואס מאכט אונז זאט, און אזוי ווי דער פסוק איז טאקע ממשיך: "למען הודיעך כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם, כי על כל מוצא פי השם יחיה האדם", צו לאזן וויסן אז מיר לעבן דורך די ווארט פונעם אויבערשטן, און נישט דורך די ברויט.

וויאזוי איז אזאנס אז א מענטש זעצט זיך אראפ ביים טיש צו עסן, און ער טראכט גארנישט אריין, אז דער אויבערשטער איז דער וואס פיטערט אים?! טאג נאך טאג גייט אדורך און מען געט נישט אוועק אפילו איין מינוט צו טראכטן איבער די מן?! מען פארלירט די גאנצע געדאנק פון עסן! די גאנצע געדאנק פון עסן איז איין גרויסע נס!

## די גרויסע געלעגנהייט, די צייט פון עסן

**איינמאל** מען נעמט אריין אין די מחשבות די געדאנק פון די מן, דאן ווערט די גאנצע לעבן געטוישט! נישט יעדן טאג איז תשעה באב, מיר עסן יעדן טאג! און אפילו ווען מען עסט נישט, זעהט מען דאך די עסן ארום זיך. אויב מיר וועלן מקיים זיין דעם "והשבות אל לבבך", מיר וועלן שטענדיג איבערפרישן די געדאנק און די לערנונג פון די מן, דאן וועט די גאנצע וועלט ווערן איבערגעפילט מיט געדאנקען איבער דעם אויבערשטן. די זעהסט א וועלט, א גרויסע וועלט, וואס אלעס ווערט געפיטערט דורך דעם אויבערשטן אליינס.

דאס דארף אבער אסאך ארבעט, דאס דארף מען איבערגיין אסאך מאל, אבער עס איז נישט דא קיין אנדערע אויסוועג, אויב וויל מען האבן א סוקסעס אויף די וועלט, אזוויי אסאך אנדערע מענטשן, דאן דארף מען זיך מאכן א תורה'דיגע געדאנקענגאנג. און ווען א מענטש טראכט אייביג פונעם אויבערשטן, דאן איז ער ריכטיג באהאפטן צום אויבערשטן, **ואתם הדבקים בה' אלקיכם, חיים כולכם היום!**

# הדפסה והפצה

**זכות הפצת 1,000 גליונות**

**ר' משה קליין הי"ו**

**זכות הפצת 500 גליונות**

**ר' דוד גפני הי"ו**

**פאר בלויז $100 קענען מיר דרוקען און מפיץ זיין 1,000 גליונות!**

פארבינדט אייך: 347.755.8860

info@torasavigdor.org

## מפרסמין עושי מצוה

התודה והברכה

להנדיב הנכבד

**הרוצה בעילום שמו**

על שנדב מהדורת

# אחת שאלתי

אשר בזכותו זכינו לתרגם

## תורת אביגדור

באידיש

ישלם ה' פעלו ויהי משכורתו מן השמים
להשפיע עליו ועל ביתו מכל טוב וטוב מרוב
נחת דקדושה עד בלי די

# וויאזוי א מענטש זאל זיך פירן מיט זיין געלט על פי תורה

## שאלה:

**וויאזוי קען א מענטש וויסן, אויב ער איז צו קארג, אדער אויב ער איז בלויז געווארנט צו היטן זיין געלט?**

## תשובה:

**אויב** ער איז נישט זיכער אין זיין פירונג צו ער פירט זיך ריכטיג אדער נישט, זאל ער זיך אדורכשמועסן מיט א תלמיד חכם. אסאך מאל פאפט זיך א מענטש אליינס, און עס איז וויכטיג ער זאל האבן איינער וואס זאל אים דאס אנווייזן. פארשטייט זיך אז מען קען נישט לויפן צום תלמיד חכם פאר יעדע קליינע זאך, מען דארף נוצן די אייגענע פארשטאנד, און אויב א מענטש האט א געוויסע מאס פון אהבת השם, און ער זוכט צו טוהן ווי מער מצוות, און אין די זעלבע צייט האט ער אויך א געוויסע מאס פון חכמה, דאן ארבעט צוזאמען די אהבת השם מיט די חכמה, און זיי געבן אים די ריכטיגע תורה'דיגע געדאנקען, צו וויסן וואס ער זאל טוהן אין א יעדע צייט.

**אבער** עס איז אוממעגליך דאס צו זאגן אויף אן אויבערפלעכליכע וועג, וויאזוי צו קאנטראלירן די מדה פון קארגשאפט. מען דארף נוצן די אייגענע פארשטאנד דערצו, געבויעט אויף די געדאנק אז מען דארף היטן אויף די געלט, און אז מען דארף פארזארגן די אייגענע פאמיליע, און אין די זעלבע צייט דארף מען אויך טראכטן פון די פליכטן וואס מען האט צו טוהן מיט די געלט ווי גמילות חסדים, החזקת תלמוד תורה, א.א.וו. און מען דארף צוקומען צו א געוויסע סארט אויסגלייכונג. אין פאל ווען דאס איז צו קאמפליצירט פאר דער מענטש אליינס מחליט צו זיין, דאן דארף מען רעדן צו א תלמיד חכם וואס זאל ארויסהעלפן צו אנקומען צו א קלארע החלטה אויף למעשה.

**שאלות און תשובות**
מיט
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה